**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 1 מיליאן דאלאר געגעבן פאר צוויי נייע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו אוועקשטעלן SNUG גאסן אַוטריטש פראגראמען צו רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן**

***SNUG פראגראמען באציהען זיך מיט א פובליק געזונטהייט צוגאנג צו רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן: אידענטיפיצירן דעם מקור, אפשטעלן פארשפרייטונג און עס באהאנדלען דורכן צושטעלן סערוויסעס און הילפס-מיטלען פאר איינצלנע מענטשן און פאר קאמיוניטיס***

***ניאגארא פאָלס און יוטיקע שליסן זיך אן מיט 12 אנדערע קאמיוניטיס וועלכע האבן שוין SNUG פראגראמען געשטיצט און פינאנצירט דורך די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 1 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג איז צוגעטיילט געווארן פאר צוויי קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס אין ניאגארא פאָלס און יוטיקע צו אויפשטעלן SNUG גאסן אַוטריטש (Street Outreach) פראגראמען. די געלטער, פארזיכערט דורך גאווערנער האקול אין די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט, דעם פראגראם פון 12 צו 14 קאמיוניטיס איבערן סטעיט. SNUG באציהט זיך צו פארברעכן מיט א פובליק געזונטהייט צוגאנג דורכן אידענטיפיצירן דעם מקור, אפשטעלן די פארשפרייטונג און עס באהאנדלען דורכן צושטעלן סערוויסעס און הילפס-מיטלען פאר איינצלנע מענטשן און פאר פאמיליעס און טוישן קאמיוניטי נארמעס ארום רעוואלווער פארברעכן.

"מיר נעמען אונטער א ברייטע צוגאנג און מיר מאביליזירן מיטלען צו שטיצן מאדערנע און ווירקזאמע לייזונגען צו געוואלדטאטן און ווילדע פארברעכן אויף אונזערע געסער, און פראגראמען ווי SNUG זענען פאר צו ווייזן געוואלדיגע פארשריט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר האבן געזעהן די פאזיטיווע השפעה פון די SNUG גאסן אַוטריטש פראגראם אין געגנטער ארום ניו יארק סטעיט, און די צוגעקומענע געלטער וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן פארברייטערן דעם ערפאלגרייכן פראגראם און העלפן קאמיוניטיס און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אדרעסירן די מכה פון רעוואלווער פארברעכן. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו פארברייטערן און פינאנצירן די סטעיט'ס נעטווארק פון פארברעכן אפשטעלער צו שטיצן די קריטישע ארבעט אויפן שטח."

"עס קומט זיך פאר אונזערע יונגע מענטשן און פאר אלע מיטגלידער פון אונזערע קאמיוניטיס צו לעבן זייערע לעבנס פריי פון די שרעקליכע ווייען פון רעוואלווער פארברעכן און די סכנה פון רעוואלווער פארברעכן," **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "די SNUG גאסן אַוטריטש פראגראמען אנערקענען גענוי דאס און שטעלן צו אלטערנאטיווע אפציעס פאר די וועלכע זענען אין סכנה פון ארייננפאלן צו רעוואלווער פארברעכן און זיי אפפערן שטיצע פאר די באטראפענע. די קריטישע געלטער וועלן ערלויבן די פארברייטערונג פון דעם SNUG פראגראם כדי מער פארטרוליכע שליחים זאלן

קענען פארמיטלען אין קאנפליקטן, פארמיידן נקמה אקציעס און רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן אין מער קאמיוניטיס וועלכע זענען די מערסטע געשלאגן דורך די פובליק געזונטהייט קריזיס."

דער SNUG גאסן אַוטריטש פראגראם איז א הויפט טייל פון גאווערנער האקול'ס ברייטע פלאן צו רעדוצירן און פארמיידן רעוואלווער פארברעכן, און די צאל פון אזעלכע פראגראמען איז געוואקסן אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט און דאס לאנד זינט 2020. די גאווערנער האט געטריפלט די אינוועסטירונג אין קאמיוניטי-באזירטע אפרופן; אינוועסטירט אין לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אונטערנעמונגען וואס לייזן, רעדוצירן און פארמיידן שיסערייען, וואפן-פארבינדענע מארדן און אנדערע רעוואלווער-פארבינדענע פארברעכנס; און האט אויפגעשטעלט די [אינטערסטעיט איינהייט אויף אומלעגאלע רעוואלווערס (Interstate Task Force on Illegal Guns)](https://).

די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס (Division of Criminal Justice Services, DCJS) האט גערופן אויף קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו אריינגעבן פארשלאגן צו אפערירן SNUG פראגראמען אין ניאגארא פאָלס, סקענעקטעדי און יוטיקע. Community Missions of Niagara Frontier, Inc. וועט באקומען $500,000 פאר דעם ניאגארא פאָלס פראגראם און Integrated Community Alternatives Network (ICAN) וועט באקומען $500,000 צו אוועקשטעלן א SNUG אין יוטיקע. די DCJS וועט נאכמאל ארויסגעבן אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן דעם הערבסט צו אוועקשטעלן אזא פראגראם אין סקענעקטעדי צוליב דעם וואס נישט גענוג בארעכטיגטע אפליקאציעס זענען ערהאלטן געווארן; דאס וועט פארזיכערן א קאנקורירנדע אויסוואהל פראצעדור.

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמישאנער ראָוסאנא ראָוסאַדאָו האט געזאגט,** "איך בין ארומגעפארן די סטעיט, זיך געטראפן מיט אונזערע SNUG מאנשאפט מיטגלידער און געזעהן ערשטהאנטיג די קריטישע ראלע וואס זיי שפילן אינעם באקעמפן רעוואלווער פארברעכן. איך האב געזעהן זייער הצלחה מיטן זיך שטארקן איבער שטרויכלונגען אין זייערע אייגענע לעבנס און די טויש וואס זיי ברענגען צו די לעבנס פון אנדערע יונגע מענטשן דורכן גלויבן אין זיי, זיי העלפן גלויבן אין זיך אליין און דורכן צושטעלן פאר וואקלדיגע יונגווארג אלטערנאטיוון, געלעגנהייטן און שטיצע. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פון דעם פראגראם און פאר די צוגעלייגטע געלטער וועלכע וועלן ערלויבן די געוואלדיגע שליחים צו העלפן אראפטרייבן רעוואלווער פארברעכן אין די קאמיוניטיס וועלכע מוטשענען זיך מיט אן אויפשטייג פון רעוואלווער פארברעכן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון רעוואלווער פארברעכן פארמיידונג (Office of Gun Violence Prevention) דירעקטארין קעליאנא ס. טאמאס האט געזאגט,** "קאמיוניטי-באזירטע און אנגעפירטע סטראטעגיעס זענען קריטיש צו קענען ערפאלגרייך איינפירן פארברעכן פארמיידונג באמיאונגען. פראגראמען ווי SNUG לייגן אלץ פריאריטעט די וואוילזיין פון די וועלכע זענען די מערסטע ווארשיינליך צו באטראפן ווערן פון רעוואלווער פארברעכן און די וועלכע זענען די בעסטע אוועקגעשטעלט צו קענען דירעקט אדרעסירן געזעלשאפטליכע געביטן פון געזונטהייט. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן שטיצן און פארברייטערן פראגראמען ווי SNUG וועלכע זעצן פאר צו פארמיידן רעוואלווער פארברעכן אין אונזערע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק סטעיט דורכן פארמערן געזונטהייט, זיכערהייט, פרידן און קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט. איך בין שטאלץ צו ארבעטן בשותפות מיט די גאווערנער און מיט SNUG צו פארזעצן צו איבערהאקן די רעדל פון פארברעכן דורך א פובליק געזונטהייט צוגאנג."

ניאגארא פאָלס, יוטיקע און סקענעקטעדי וועלן זיך אנשליסן מיט די פאלגנדע קאמיוניטיס אין די סטעיט-געשטיצטע SNUG נעטווארק: אלבאני, די בראנקס, באפעלאו, העמפסטעד, מאונט ווערנאן, ניובורג, פוקיפסי, סירעקיוס, ראטשעסטער, טראָי, ווייענדענטש און יאנקערס.

**ניאגארא פאָלס מעיאר ראבערט רעסטאינאָו האט געזאגט,** "כאטש רעוואלווער פארברעכן איז א נאציאנאלע פראבלעם, האבן גאר ווייניג מענטשן די קוראזש צו זוכן ענטפערס. גאווערנער האקול זעצט פאר צו זיין א פירערין אין די באמיאונג צו באקעמפן די פראבלעם, און מיר זענען דאנקבאר פאר איר הילף מיטן צושטעלן געלטער פאר SNUG אין ניאגארא פאָלס. SNUG וועט גיבן פאר אונזער קאמיוניטי נאך א כלי מיט וואס צו אטאקירן די פראבלעם און העלפן מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען פארכאפט אין די רעדל פון פארברעכן."

**יוטיקע מעיאר ראבערט פאלמיערי האט געזאגט,** "יוטיקע סיטי האט אונטערגענומען אקטיווע שריט צו באקעמפן רעוואלווער פארברעכן, אריינרעכענענדיג פינף ניי-צוגעקומענע פאליציי אפיצירן. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן בשותפות מיט אנדערע לאקאלע רעגירונגען און אגענטורן אזוי ווי רעוואלווער פארברעכן איז א מכה אויף די קוואליטעט פון לעבן. איך רים אויס גאווערנער האקול פארן פינאנצירן דעם SNUG פראגראם, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די סטעיט און מיט ICAN צו באשיצן און פארמערן פובליק זיכערהייט פאר אונזערע איינוואוינער."

**Community Missions Specialized Services וויצע פרעזידענט עריק בערדנער האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו עפענען דעם SNUG גאסן אַוטריטש פראגראם אין ניאגארא פאָלס, און מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע און אינוועסטירונג אין דעם קריטישן פראגראם. מיר דארפן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן, און גאסן אַוטריטש מאנשאפטן שפילן א קריטישע ראלע ביים ארבעטן מיט און בויען קשרים מיט מענטשן וועלכע זענען אין סכנה פון פארמישט ווערן מיט רעוואלווער פארברעכן, בשעת'ן גיבן אלטערנאטיווע אפציעס און שטיצע. Community Missions האט א לאנגיאריגע היסטאריע פון איינפירן פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי און נאכקומען זייערע באדערפענישן צוזאמען מיט אונזערע געמיינזאמע שותפים, און מיר קוקן ארויס צו זיין ערפאלגרייך אין די מיסיע."

**ICAN CEO און עקזעקיוטיוו דירעקטאר סטיווען באלגער האט געזאגט,** "עס איז אונז א כבוד צו צולייגן דעם SNUG פראגראם צו אונזער וואקסנדע ליסטע פון סערוויסעס און צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס וועלכע ווערן דירעקט און אומדירעקט באטראפן פון רעוואלווער פארברעכן. SNUG וועט באגלייטן ICAN'ס לאנגיאריגע יונגווארג-קאנצעטרירטע פראגראמען, אונזערברייטע ארומנעמיגע פילאסאפיע און אונזער גאסן אַוטריטש פראגראם. מיר זענען גרייט צו ארבעטן פראדוקטיווערהייט און אקטיווערהייט אין אונזערע געגנטער צו רעדוצירן רעוואלווער פארברעכן."

ברייטע טרענירונג, באזוכן אויפן שטח און שטיצע פון די DCJS מאכן די SNUG פראגראמען אייגנארטיג און אנדערש פון אנדערע קאמיוניטי-באזירטע פארברעכן אפשטעלונג פראגראמען איבערן סטעיט און לאנד. נייע שטאב מיטגלידער מוזן דורכגיין 40 שעה טרענירונג, און נייע סופערווייזערס דארפן פארענדיגן 32 שעה'ן פון פארוואלטונג טרענירונג. אלע שטאב מיטגלידער מוזן אויך פארענדיגן 40 שעה טרענירונג פאר פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג יערליך. די אנגייענדע טרענירונג און שטיצע העלפן פארזיכערן אז דער פראגראם ארבעט איינהייליך איבער אלע SNUG ערטער טראץ דאס ווערן אנגעפירט דורך באזונדערע קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס. די [ווידעאו שטעלט פאר דעם פראגראם](#) און די ארבעט דערפון מיט אנטיילנעמער.

SNUG פראגראמען באשעפטיגן גאסן אַוטריטש ארבייטער, שפיטאל מאנשאפט מיטגלידער, סאָושעל וואָרקערס און קעיס מענעדזשערס וועלכע ארבעטן אין די קאמיוניטי און אין טראומא צענטערן. אַוטריטש ארבייטער און שפיטאל מאנשאפט מיטגלידער וואוינען אין די קאמיוניטיס וואו זיי ארבעטן, און טייל פון זיי זענען אליין געווען פארמישט מיט דעם קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם אדער האבן פארלוירן א באליבטן צו פארברעכן. די פארטרויליכע שליחים נוצן אויס זייערע קשרים אין די קאמיוניטי צו ארבעטן מיט צענערלינגען און מיט יונגע ערוואקסענע צו אויפכאפן און לייזן מחלוקות'ן בעפאר זיי ווערן צו אנגעהייצט;

רופן זיך אפ צו שיסערייען צו פארמיידן נקמה אקציעס דורך פארמיטלען און ארויסהעלפן פאמיליע מיטגלידער פון די וועלכע זענען פארוואונדעט אדער געהרג'עט געווארן; און גיבן הדרכה פאר יונגווארג וועלכע זענען פארמישט מיט דעם פראגראם צו אוועקשטעלן ציהלן און זיי פארבינדן מיט בילדונג (עדזשוקעישען) און דזשאב געלעגנהייטן, ווי אויך אנדערע סערוויסעס. דער פראגראם ארבעט אויך מיט די קאמיוניטי, רעליגיעזע ארגאניזאציעס, גייסטליכע פירער און מיט ארטיגע ביזנעסער דורך ראליס, ספעציעלע געשעענישן און אנדערע קאמיוניטי צוזאמקומען.

סאָושעל וואָרקערס און קעיס מענעדזשערס שטעלן צו פאר די וועלכע זענען באטראפן געווארן פון רעוואלווער פארברעכן אדער אנדערע פארברעכנס אין די קאמיוניטיס קאונסעלינג וואס רעכנט זיך מיט די טראומע, שטיצע גרופעס, שתדלנות און הילף מיטן ארייננעבן קורבן פארגוטיגונג אפליקאציעס צו די סטעיט'ס [אפיס פון קורבנות סערוויסעס (Office of Victim Services)] און שיקן ווייטער צו באקומען אנדערע סערוויסעס, ווי עס ווערט געזעהן אז זיי דארפן עס; און אפפערן שטיצע און הדרכה פאר SNUG מאנשאפט מיטגלידער — פילע פון זיי האבן געהאט קאמפליצירטע ערפארונגען מיט טראומע. סאָושעל וואָרקערס און קעיס מענעדזשערס פון די 12 עקזיסטירנדע SNUG פלעצער ווערן פינאנצירט דורך פעדעראלע קורבנות פון פארברעכן געזעץ (Victims of Crime Act, VOCA) גרענטס פון די אפיס פון קורבנות סערוויסעס; די נייע פלעצער וועלן פינאנצירט ווערן מיט סטעיט דאלארן ארויס פון די היי-יאריגע בודזשעט.

**איבער די דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס**

די [דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס] שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע טיילן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכענענדיג – אבער נישט נאר – טרענירן געזעץ אינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנאלן; אויפזעהען אויף א געזעץ אינפארסירונג אקרעדיטעישען פראגראם; פארזיכערן אז אלקאהאל אטעמען טעסטס און שנעלקייט אינפארסירונג עקוויפמענט ווערן ריכטיג גענוצט; פארוואלטן קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; אנאליזירן פארברעכן און פראגראמען ציפערן איבערן סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; אויפזעהן קאונטי פראובעישען דעפארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען; און קאארדינירן יונגווארג יוסטיץ פאליסי.  פאַלאָוט DCJS אויף [Facebook] און [Twitter].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418